# "שמע קולנו" 7'טע יערליכער פרישטאג באשיינט דורך פראמינענטע באאמטע

פאריגע וואך דינסטאג, פ' ואתחנן, יולי 28, האט "שמע קולנו" – א שולע און צענטער פאר קינדער מיט אטיזם – אפגעהאלטן זייער 7'טן יערליכן "לעגיסלאטיווען ברעקפעסט", אין רענאסענס זאל אין די בארא פארק געגענט פון ברוקלין. דער היי יעריגער פרישטאג האט געצילט אויפ'ן אויסברייטערן "שמע קולנו" צו די 5 באראס פון די שטאט ניו יארק, מיט צענטער און היים-הילף סערוויסעס. דער פרעזידענט און גרינדער ר' יושע וויינשטיין האט איבערגעשמועסט דעם וואונדערבארן פארשריט וואס מ'האט שוין געמאכט: איבער 10 יאר צוריק האט "שמע קולנו" געעפענט אירע טירן פאר 3 שולע־עלטער קינדער; די ערשטע שולע און צענטער פון דעם סארט. היינט דינען מיר איבער 50 קינדער אין אונזער פרי־סקול און סקול־עלטער פראגראמען, און איבער 800 קינדער אין סערוויסעס וואס מ'גיט אינדערהיים. עס איז ממש אן אויפטו צו באוואונדערן וואס מ'האט ערייכט בעזהשי"ת.

דער הויפט ציל פון דעם צוזאמענקונפט איז געווען צו לערנען די געזעצגעבער איבער'ן דרינגענדן נויט פון זארגן פאר אטיזם, און איבער פארשן דאס, פארגרעסערן שטיצע און באוואוסטזיין, און מיטטיילן געדאנקען איבער ווי אזוי צו ארבעטן צו באקעמפן אטיזם דורך ווירקזאמע פובליק פאליסי און געזעצן. אין צוגאב, האבן זיך באטייליגט קאמיוניטי פירער, רעליגיעזע פירער, עסקנים, קאמיוניטי פילאנטראפן, און ערוויילטע באאמטע, צו באעהרן עטליכע אויסגעצייכנטע רעגירונג באאמטע און קאמיוניטי פירער פאר זייער איבערגעגעבענקייט אין פאראויסריקן די מיסיע פון "שמע קולנו".

די סענאטארן טשארלס שומער און קריסטין דזשיליבראנד האבן געדינט אלס עהרע־פארזיצער פון דעם פרישטאג. דזשאן קעסטימארטידיס, פארזיצער פון די רעד עפעל גרופ, האט באגריסט די פארזאמלונג. די פארזיצער פונעם פרישטאג זענען געווען די סטעיט סענאטארן קעווין פארקער און דאיען סאווינא, וואס ביידע זענען פעסטע שטיצער פון "שמע קולנו". מנחם לובינסקי, דער דינאמישער פרעזידענט און הויפט באאמטער פון לוביקאם מארקעטינג קאנסאלטינג, האט געדינט אלס דער מייסטער פונעם פרישטאג. דער צוזאמענקונפט איז ברייטהארציג געספאנסערט געווען דורך גריסטידיס, און קאארדינירט דורך די פרידלאנדער גרופ.

"שמע קולנו" האט אויסגעדריקט הכרת הטוב צו עטליכע באעהרטע. סטעיט סענאטאר האנטלי איז פארזיצער פון די קאמיטע אויף מענטעל דיסעביליטיס. האנטלי האט באקומען די לעגיסלאטיווע פירערשאפט אויסצייכענונג פאר די פארפליכטונג צו "שמע קולנו" און ערמידליכע באמיאונגען צו שאפן און דורכפירן געזעצן וואס זאל העלפן פאר די געברויכן פון די קאמיוניטי.

סיטי קאונסיל פינאנץ קאמיטע טשערמאן דוד וועפרין האט באקומען די אטיזם פירערשאפט אויסצייכענונג פאר זיינע פלייסיגע באמיאונגען אין שטיצן דעם אטיזם איניציאטיווע, וואס פינאנצירט פארשידענע ארגאנזיאציעס וועלכע זענען פארפליכטעט צו אטיזם קעיר און עדיוקעישאן.

א ספעציעלע איבערראשענדע אויסצייכענונג איז איבערגעגעבן געווארן פאר מנחם לובינסקי דורך "שמע קולנו" בארד מיטגליד מ. וויינשטאק, אין דאנקבארקייט פאר זיין אומשאצבארע ביישטייערונגען פאר די הצלחה פון דעם יערליכן לעגיסלאטיווען ברעקפעסט.

אנדערע רעגירונג באאמטע האבן באקומען אויסצייכענונגען אין דאנקבארע אנערקענונג פון זייער פארפליכטונג צו "שמע קולנו" און די משפחות און קינדער וואס עס דינט דורכאויס דעם יאר: דעפיוטי מעיאר עד סקיילער, שטאטישער פירערשאפט אויסצייכענונג; ברוקלין בארא פרעזידענט מארטי מארקאוויטש, ברוקלין פירערשאפט אויסצייכענונג; פרעד קרייזמאן, געהילף קאמישאנער, קאמיוניטי עפעירס, "שמע קולנו" הכרת הטוב אויסצייכענונג; א. ברויטמאן, הויפט ראטגעבער צו סענאטאר קירסטין דזשיליבראנד, פובליק סערוויס אויסצייכענונג; ראבערט גאטהיים, דיסטריקט דירעקטאר, קאנגרעסמאן דזשעראלד נאדלער, קאמיוניטי דאנקבארקייט אויסצייכענונג.

"שמע קולנו", געגרינדעט דורך דעם פיאניר יושע וויינשטיין, האט זיך געעפענט אין 98', הויפטקווארטירט אין ברוקלין, ניו יארק. עס איז א נאן־פראפיט ארגאניזאציע געווידמעמט צו פארבעסערן די לעבענס קוואליטעט פון קינדער מיט אטיזם אין די 5 באראס פון ניו יארק. אנערקענט פאר זייער אייגנארטיגע און פיאנירן צוגאנג, געבויט אויף די וויסנשאפט פון "עפלייד ביהייוויער אנאליז", געבן זיי עדיוקעישאן און אנדערע סערוויסעיס אין פעלד פון אטיזם קעיר. סטאטיסטיקס באשטעטיגן אז אטיזם איז געשטיגן מיט עפידעמישע פארפארציעס. דרינגענדע אויסגאבן פאר קעיר, עדיוקעישאן און ריסארסעס זענען איבערוועגנד. "שמע קולנו" האפט צו בויען א באוואוסטזיין און שטיצע צו ערלויבן מער קינדער און פאמיליעס צו געניסן פון די שולעס ווערדפולע און נויטיגע סערוויסעס און פראגראמען.




**פון רעכטס צו לינקס: מ. וויינשטאק, בארד מיטגליד, "שמע קולנו"; פיטער רעבינווארצל, וויצע פרעזידענט, "שמע קולנו"; עד סקיילער, הויפט געהילף מעיאר; (נעמט איבער אויסצייכענונג פון) אברהם בידערמאן; יושע וויינשטיין, פרעזידענט און גרינדער, "שמע קולנו"; מנחם לובינסקי, פרעזידענט און הויפט באאמטער, לוביקאם מארקעטינג; הרב עזרא פרידלאנדער, הויפט באאמטער, די פרידלאנדער גרופ**



**די ליסקא אייניקלעך הרב עזרא פריעדלענדער און הרב יוזפא פריעדלענדער הי"ו, זענען מתפלל מנחה ביים פלאץ פון ארון הקודש פון די שול פון בעל אך פרי תבואה זי"ע ביומא דהילולא די וואך דינסטאג י"ד תמוז אין ליסקא**

אזוי זעט אויס דאס שטעטל, היינט



ביים ציון הקדוש



# הגאון רבי יחזקאל גאלדבערגער שליט"א וועט פארלערנען פרקי אבות שב"ק אין סאטמארער ביהמ"ד

ברוקלין. – מיט גרויס ערווארטונג און שעצונג, ווערט אויפגענומען די מעלדונג ביים חשוב'ן ציבור, וועלכע געפונען זיך אויך אין די זומער חדשים אין שטאט, אז קומענדיגן שב"ק הבעל"ט וועט מען הערן דעם באקאנטען שיעור אין פרקי אבות דורך דעם מגיד שיעור מפורסם בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר, הרב הגאון המפורסם מוהר"ר יחזקאל גאלדבערגער שליט"א, מחשובי רבני כולל אברכים דרבינו יואל.

ווי עס איז שוין פיל מאל ערוועגט געווארן, ציט דער "פרק שיעור" אן עולם פון די גאנצע שטאט, זייענדיג גאר בארימט אלס א שטארקער מקום שואבת, באזונדער אין די זומער שבתים ווען פילע בתי מדרשים זענען איינגעצוימט למחצה לשליש ולרביע, און עס זענען פארהאן גאר ווייניג שיעורים, דעריבער זענען אט די הויפט שיעורים אין שטאט א דערקוויקעניש פאר פילע מער צוהערער ווי א גאנץ יאר, ווען ביי די געלעגנהייט ווערט איבערגעגעבן דברי חיזוק והתעוררות פאר די צמאים לדבר ד', און פילע חשוב'ע רבנים און מרביצי תורה שליט"א אויף אלע געביטן האבן שוין אויפגעטרעטן און מהנה געווען דעם ברייטן ציבור.

פארגאנגענעם שבת העעל"ט, האט זיך אנגעזען א גאר גרויסער ציבור פון הונדערטער אידן וועלכע האבן אנטייל גענומען ביי די שיעורים אין ביהמ"ד הגדול דקהל יטב ד'סאטמאר, ווען ביי פרקי אבות האט אויפגעטרעטן איינער פון די גאר חשוב'ע רבנים אין וויליאמסבורג, הגה"צ המפורסם רבי משה לאבין שליט"א אב"ד דקהל חרדים זידיטשויב. דער חשוב'ער רב שליט"א האט איבערגעגעבן מיט גאר התעוררות'דיגע דיבורים פארשידענע ענינים וואס ער האט מקבל געווען פון די פריערדיגע צדיקים זי"ע, באזונדער פון זיין גרויסן טאטן וואס מען שטייט נאך אין די שנה ראשונה לימי הסתלקותו, פון די שיירי כנה"ג און זקן האדמורי"ם אין וויליאמסבורג, כ"ק אדמו"ר מזידיטשויב זצוק"ל.

עס איז אצינד א גאר געהויבענע בשורה צו מעלדן איבער דעם שיעור פונעם קומענדיגן שב"ק, ווען עס וועט אי"ה אויפטרעטן מיט'ן שיעור אויף פרקי אבות דער באקאנטער מגיד שיעור, און בארימטער ת"ח וחו"פ מפורסם הרב הגאון מוהר"ר יחזקאל גאלדבערגער שליט"א, וועלכער איז שטארק בארימט מיט זיינע אינהאלטסרייכע שיעורים אין בית המדרש הגדול וואו ער ציט א ריזן ציבור. ספעציעל מערקט זיך דאס לעצטענס אין די זומער וואכן, ווען דער חשוב'ער מגי"ש שליט"א לערנט פאר א שיעור כללי יעדן זונטאג, דערקענט זיך די אנוועזנהייט פון א גאר גרויסן עולם, טראץ דעם וואס א גרויסע מערהייט געפונט זיך נישט אין שטאט.

ווען עס האנדלט זיך פון איבערגעבען "דרך האבות" ביים פארלערנען פרק, מוז ארויסגעברענגט ווערן אז דער חשוב'ער מגי"ש שליט"א האט פון וואו מקבל צו זיין, זייענדיג א זון פון דעם באקאנטן הרה"ח ר' מאיר ישראל גאלדבערגער שליט"א מיקירי חסידי סאטמאר, א לאנג־יעריגער תורה שרייבער פון די הייליגע דא"ח וואס רביה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט משמיע זיין באש קודש, און דער חשוב'ער מגי"ש האט געהאט די זכי' זיך פיל צו ווייקן מיט די הייליגע הדרכות פון רבי'ן זצ"ל.

עס איז זיכער אז דער ציבור וועט הנאה האבן צו הערן זיין פרק שיעור, וואס זייענדיג א שטארקער דולה ומשקה וועט דער ציבור אודאי קענען זיך אנהערן מיט א שלל פון פילע טייערע דברי התעוררות והתחזקות.

דער שיעור וועט פארקומען קומענדיגן שב"ק פ' עקב הבעל"ט ווי געוועגליך אי"ה 7:00 אזייגער נאכמיטאג, נאכ'ן שיעור פון הרה"ג ר' יצחק דוד פריעדמאן שליט"א וואס ווערט פארגעלערנט אויף הלכות שבת.

*